NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01472

VEN DER LERER IZ NITO

Isac Horowitz

Permanent preservation of this book was made possible
by Gerald F. Simon
in memory of
his wife, Anna Ida Simon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

יצחק האָראָוויץ

ווען דער לערער איז ניטאָ

(קינדער־סצענע אין אַ קלאַס)

ווילנע
פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול"
1928

Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH"
redagowano przez S. BASTOMSKIEGO.

I Horowic

W nieobiecności nauczyciela

Drukarnia Notesa i Szwajlicha Wilno, Wileńska 16

ווען דער לערער איז ניט

פון יצחק האראוויץ.



אָנטיילנעמער:

משהלע.
פריידעלע.
רחלע.
שלמהלע.
גיטעלע.
יאַנקעלע.
פינחסל.
דער לערער.

נאָך מיידלעך און יינגלעך.

די סצענע שטעלט פאָר אַ קלאַסן-צימער אין אַ יידישער פאָלקסשול. דעם לערערס שטול איז ליידיק. אַ שוואַרצע שול-ברעט. אויפן ברעט, רעכטס, זיינען אָנגעשריבן אייניקע ציפערן. די קינדער זיצן ביי זייערע שרייב-טישלעך; טייל לייענען, טייל שרייבן, טייל זיצן סתּם אַזוי.

מ ש ה ל ע (לעצטע ריי): קו=קערי=קו=ו=ו! (די איבעריקע קינדער צעלאכן זיך, טייל מאכן נאך אנדערע חיות).

פ ר י י ד ע ל ע (ערשטע ריי, שטעלט זיך): איר ווייסט, קינדער? משהלע קרייעט ווי אַ הייזעריקע הון (ועצט זיך).

מ ש ה ל ע: שוין גאָרניט ווי אַ הייזעריקע.

ר ח ל ע (צווייטע ריי): ווי אַ הייזעריקע, ווי אַ הייזעריקע!

ש ל מ ה ל ע (פערטע ריי. טראַגט ברילן): דער לערער וועט באַלד אַריינקומען, וועט איר אַלע ווערן הייזעריק.

ג י ט ע ל ע (דריטע ריי); זע נאָר, ווי פלייסיק ער איז דאָס געוואָרן! נעכטן האָט ער ניט געקענט צוזאַמענרעכענען 8 מאָל 8.

ש ל מ ה ל ע (מיט כעס): באשר דער לערער האָט מיך גענומען אויף גיך... ווייטער קאָן איך!

י אַ נ ק ע ל ע (פינפטע ריי. שטעלט זיך): אָט פרעג איך דיך ניט אויף גיך.

שלמהלע: ווייס איך טאַקע!

גיטעלע: וויפיל זשע מאַכט עס?

שלמהלע: עס מאַכט... עס מאַכט... (פאַרקלערט זיך).

פנחסל (צווייטע רײ, טראָגט ברילן): נו, שלמהלע? עס מאַכט... עס מאַכט... ער ווייס ניט!

שלמהלע (שטעלט זיך): אַז איר רעדט שוין יאָ אַזוי, וועל איך אײַך ווייזן, אַז איך ווייס דווקא. עס מאַכט 62. (די איבעריקע קינדער לאַכן און טאַנצן אונטער אויף זייערע בענקלעך).

גיטעלע: נו, וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? (שלמהלע זעצט זיך).

משהלע: קו-קערי-קו-ו!...

יאַנקעלע (פאַרנעמט דעם לערערס אָרט, טוט זיך אָן אַ פּאָר קליינע שפּיל-ברילן, וואָס ער באַקומט פון בוזים-קעשענע און קלאַפּט מיט דעם שטעקעלע: שטיל זאָל זיין! (די קינדער בלייבן שטיל, אַקוראַט ווי דער אמתער לערער וואָלט פאַר זיי געשטאַנען).

רחלע: אויך מיר אַ לערער!

יאַנקעלע: איך טראָג ברילן

פנחסל: איך טראָג אמתע ברילן!

שלמהלע: איך אויך!

פריידעלע (צו שלמהלען): פונדעסטוועגן,

אז מע פרעגט דיך, וויפיל עס מאַכט 8 מאָל 8,
קומט ביי דיר אויס — (לאַכט).

משהלע: קו-קערי-קו-ו-ו...!

יאַנקעלע: (קלאַפּט מיט דעם שטעקעלע): שטיל זאָל זיין! (מיט אַן ערנסטער מינע) גיטעלע, אַהער!

גיטעלע (לעבן דעם לערערס שטול) איך בין דאָ, לערער.

יאַנקעלע: 14 הינער זיינען געזעסן אויף 14 אייער און געהאַט 14 הינדעלעך — וויפיל מאַכט דאָס אויס?

גיטעלע (גייט צו צו דער שרייב-ברעט, נעמט קרייט, מאַכט דעם ציפער 14 און בלייבט שטיין): 14!

יאַנקעלע: וואָס זיינען דאָס: די הינער, די אייער, צי די הינדעלעך?

גיטעלע: די הינדעלעך!

רחלע: שוטה! ווי אַזוי קאָנסטו שוין האָבן די הינדעלעך, אַז דו האָסט נאָך ניט די הינער?

יאַנקעלע: (קלאַפּט) שטיל זאָל זיין! גיטעלע, שרייב ווייטער.

גיטעלע: (מעקט אָפּ דאָס געשריבענע און שרייבט ווידער אויף 14) דאָס זיינען די הינער. (מאַכט דעם זעלביקן ציפער אונטער דעם ערשטן). דאָס זיינען די אייער. (מאַכט נאָכאַמאָל דעם זעלביקן

צימער אונטער דעם צווייטן) און דאָס זיינען די הינדעלעך!

יאַנקעלע: ווייטער.

גיטעלע (ציט אונטער אַ סך־הכּל און באַקומט דעם ציפער 42): דאָס איז דער חשבון!

יאַנקעלע: וואָס מיינט דאָס?

גיטעלע: דאָס מיינט אָט וואָס: (ווייזט אויפן ערשטן ציפער) 14 הינער, (ווייזט אויפן צווייטן ציפער) זיינען געלעגן אויף 14 אייער, (ווייזט אויפן דריטן ציפער) און געהאַט 14 הינדעלעך, מאַכט דאָס אויס אינאיינעם 42.

יאַנקעלע: 42 — וואָס?

גיטעלע: הינדעלעך! (די איבעריקע קינדער לאַכן און שפּרינגען אונטער).

משהלע: קו־קערי־קו־ו־ו...!

שלמהלע (שטעלט אויף אַ האַנט): איך ווייס!

יאַנקעלע: אַהער, שלמהלע.

(גיטעלע גייט אַפּ פאַרשעמט).

שלמהלע (פאַרנעמט גיטעלעס אָרט, מעקט אָפּ דאָס געשריבענע): 14 הינער (מאַכט דעם ציפער 14) זיינען געזעסן אויף 14 אייער (מאַכט נאָך אַ ציפער 14 אונטער דעם ערשטן, ציט אונטער אַ סך־הכּל און באַקומט דעם ציפער 28) 28 הינדעלעך! (די קינדער לאַכן ווידער).

יאַנקעלע: ווי אַזוי קאָנען 14 הינער האָבן 28 הינדעלעך אויף 14 אייער?

משהלע: קו-קערי-קו-ו-ו!

שלמהלע: זיי קאָנען שוין גאָר! איך האָב אַמאָל געזען, ווי אַזוי איין הון האָט געהאַט מער פון 14 הינדעלעך.

יאַנקעלע: משהלע, דו ווייסט?

משהלע (שטעלט זיך): אַוודאי ווייס איך!

יאַנקעלע: ווייז. (שלמהלע גיט אַ פּעטומלטער).

משהלע (פאַרנעמט שלמהלעס אָרט): איך וועל ווייזן (מעקט אָפּ דאָס געשריבענע). דער חשבון באַשטייט אין דעם: (מיט אַ גמרא נגון) 14 הינער זיינען געזעסן אויף 14 אייער און געהאַט 14 הינדעלעך. פרעגט ר' משה: וויפל מאַכט עס? (מאַכט דעם ציפער 14) דאָס זיינען די הינדעלעך! (די קינדער ווערן געשפּאַנט). הייסט עס, די הינער זיינען שוין דאָ. (צו די איבעריקע קינדער). איר זעט? קו-קערי-קו-ו-ו...! (מיט דעם זעלבן גמרא ניגון). איצט וועט ר' משה אַוועקשטעלן אַזוי גרויס און אַזוי ברייט ווי 14 אייער (מאַכט דעם ציפער 14) האָבן מיר שוין, הייסט עס, די אייער אויך. (מיט דעם פריערדיקן ניגון). איצטער, ליבע הינדע-לעך (לייגט דאָס קרייט אויפן ערשטן ציפער) וועט

איר מוחל זיין און זיך צוועקזעצן אויף די 14 אייער. (מעקט אפ דעם ערשטן ציפער און שרייבט אויף 14 איבער דעם ציפער, וואס שטעלט פאר די אייער)׳

רחלע (שטעלט זיך, פאטשט מיט די הענטלעך) שנעלער, משהלע, די אייער וועלן נאך צעקוועטשט ווערן. (זעצט זיך).

שלמהלע (צו משהלען): נו, ר׳ משה, וואו זשע זיינען די הינדעלעך?

משהלע: ווארט! אזוי גיך ווילסטו האבן הינדעלעך?

גיטעלע: עס נעמט צייט.

פריידעלע (איראניש): ביי משהלען נעמט.

פנחסל: און ביי א הון נעמט ניט?

משהלע: אט קומען זיי (מיט דעם ניגון פון „אונטער די גרינינקע ביימעלעך״) הינדעלעך פריש פון די אייעלעך. איצט, ליבע הינער, (לייגט דאס קרייט אויף דעם אייבערשטן ציפער), באפעל איך, איר זאלט מיר האבן הינדעלעך! (טוט א פיר מיט דעם קרייט איבער דעם אונטערשטן ציפער) פאק! (צו יאנקעלען) די אייער זייבען שוין אויסגעפיקט. איצט, ליבע הינער, מעגט איר זיך שוין גיין צוריק אין הויף אריין, (מעקט אפ דעם אייבערשטן ציפער) ווייל איך האב שוין די הינדעלעך. (מאכט ביים זייט דעם-ציפער 10).

שלמהלע: 10? איר זעט, ער קאָן ניט!

רחלע (פּאַטשט מיט די הענטלעך): ער קאָן ניט! (די איבעריקע קינדער לאַכן און פּאַטשן מיט די הענטלעך:) „ער קאָן ניט״!

יאַנקעלע (קלאַפּט): שטיל זאָל זיין! (צו משהלען) (פון 14 אייער איז ביי דיר אַרויס־געקומען נאָר 10 הינדעלעך?

משהלע: ניט ביי מיר... ביי דער הון! (די קינדער לאַכן)

יאַנקעלע (קלאַפּט): שטיל! (צו משהלען). נו, און די איבעריקע פיר?

משהלע: יתגדל ויתקדש שמא רבא — געשטאָרבן!

יאַנקעלע פון וואַנען ווייסטו, אַז זיי זיינען געשטאָרבן?

משהלע: פון וואַנען, ר׳ יעקב, ווייסט איר, אַז ניט?

יאַנקעלע: (אין דעם זעלבן טאָן): איר, ר׳ משה, האָט דאָך געמאַכט דעם חשבון.

משהלע: וואָס זשע, גלויבסט מיר ניט?

יאַנקעלע: אַוודאי גלויב איך דיר ניט?

משהלע: שאַ! ווייסט גאָר וואָס? (מאַכט צ ציפער 14) אָט האָסטו די הינער און פרעג זיי... (דער לערער באַווייזט זיך אין מיר. יאַנקעלע

באהאלט זיך אונטער דעם שטול, מזהלע — הינטער דער שרייב־ברעט. די איבעריקע קינדער ווערן שטיל).

פאָרהאַנג.

לאָטאָ-שפּיל
„רעטעניש“

צונויפגעשטעלט

פון ש. באַסטאָמסקי

באַמערקונגען צום שפּיל
— און —
ענטפערס צו די רעטענישן

פאַרלאַג
„די נײַע יידישע פאָלקסשול“
ווילנע

אַבאָנירט אַלע דעם איינציקן 2=וועכנטלעכן
אילוסטרירטן יידישן קינדער=זשורנאַל

„גרינינקע ביימעלעך“

דערשיינט אין ווילנע אונטער דער רעדאַקציע פון
ש. באַסטאָמסקי

דריטער יאָרגאַנג (נאָך דער באַנייונג)

דערשינען אין די יאָרן: 1914, 1915, 1919, 1920, 1921, 1922, באַנייט אין יאָר 1926

די „גרינינקע ביימעלעך“ האָבן פאַרדינט די אַלגעמיינע אָנערקענונג פון אַלע פריינד פון יידישן וואָרט און יידישן קינד.

אַבאָנעמענטס=פרייז:

פאַר פוילן: אַ יאָר (20 נומ.)—7 ג. אַ $1/2$ יאָר—4 ג.
פאַר אויסלאַנד: אַ יאָר (20 נ.)—1,20 ד. $1/2$ יאָר—60 ס.
קאָמפּלעטן געבונדענע אין לייוונטענע פּראַכט=בענדער.

I יאָרגאַנג— 6 גילדן (70 סענט)
II „ „ —10 (1,20 ד.)

אַדרעס פון דער רעדאַקציע=אַדמיניסטראַציע:
S. Bastomski.
Wilno, Stefańska 24, m. 28.